"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים

מאת

הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר

## הוצאתיך מארץ מצרים

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

מאמר ד'

חודש ניסן שנת תשפ"ב לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

~ ~ ~

נעשה בפיקוח "**מוסדות קרן אור**" – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


תחילה למקראי קודש ........ א

'יציאת מצרים' - לית מחשבה תפיסה ביה! ........ ב

פ"ה ס"ח - עפן דיין מויל! ........ ג

דאס איז 'אונזער' מעשה ........ ג

גלויב אז דער אויבערשטער קען דיר ארויסנעמען ........ ה

והיה מראה באצבעו - "און דאס איז די מעשה"... ........ ו

"מצמיח ישועות" - אָן צו וויסן פון וואו ........ ז

קערנדלעך פון דער גאולה העתידה ........ ט

אהבתי אתכם אמר ה' ........ יא

כי חג ה' 'לנו' ........ יב

המבזה את המועדות אין לו חלק לעולם הבא ........ יג

גיב זיך איבער ........ יד

באקומען א נייע צורה ........ יד

איך ווייס גארנישט ........ טז

גלויב אין דעם יום טוב ........ יז

עס לוינט צו לעבן טויזנט יאר... ........ יח

אמונה אין דעם הסתר פנים ........ יח

צוזאמגעשטעלטע נשמות... ........ כ

אכט סארטן סוכות... ........ כג

# מאמר ד'

## הוצאתיך מארץ מצרים

### תחילה למקראי קודש

מען זאגט נאך, דאכט זיך פונעם ראפשיצער, עס שטייט מן הסתם אין זרע קודש[א]: "**תְּחִלָּה לְמִקְרָאֵי קֹדֶשׁ**"[ב] - דו ווילסט זיך באנייען? דו ווילסט זיך באנייען אין עבודת ה'? מען דארף זיך דאך אלעמאל באנייען - "תחילה", איז "**זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם**" – זיי מקשר דיין מחשבה צו יציאת מצרים!

דער הייליגער סיפור פון יציאת מצרים, פון גאולת מצרים, וואס פון דעם איז געווארן "**וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם**"[ג], און דאס אלץ איז געווען "**בְּמַסֹּת בְּאֹתֹת וּבְמוֹפְתִים** (וכו') **וּבְמוֹרָאִים גְּדֹלִים**"[ד] - דאס איז אוצרות אויף די גאנצע אידישקייט!

---

**א.** עי' בספה"ק "זרע קודש" סוף פרשת בא, בד"ה "א"י זכור את יום", וזל"ש: "וזהו שבשבת קודש בו באים לקדושה, אף שהיו משוקעים מקודם בטומאה, כמו שמצינו באדם הראשון ששבת היה מכפר עליו כמו שאמרו חז"ל (מדרש שוח"ט צב), אומרים אז (בקידוש) '**תחילה למקראי קודש זכר ליציאת מצרים**', פירוש שעתה נפתח לו שער ופתח והתחלה להיות מכאן ואילך נקרא קודש, אף שהיה משוקע מקודם בעבירות, והגם שלפי השכל והטבע אי אפשר זה, לזה אומרים '**זכר ליציאת מצרים**', שהיינו גם כן משוקעים עוד במ"ט שערי טומאה וכמעט נשקענו רק שהשי"ת עשה לנו נס, **והנס הזה הוא שער שבכל עת שנצרך לזה לצאת משיקוע הטומאה לקדושה, יוציא אותנו השי"ת על ידי הזכר של יציאת מצרים**".

**ב.** נוסח קידוש ליל יו"ט.

**ג.** שמות ו' ז'

**ד.** שמות ד, לד.

## 'יציאת מצרים' - לית מחשבה תפיסה ביה!

עס שטייט פון דעם ראפשיצער[ה], אז יציאת מצרים איז געקומען פון אזא הויכער פלאץ אין וואס עס איז נישטא קיין השגה פון קיין נברא, נישט קיין 'מלאכים ושרפים וחיות ואופני הקודש' האבן א שמץ, א השגה פון וואנעט דאס איז געקומען! דאס איז אראפ אויף דער וועלט, און עס האט זיך אפגעטאן אזויפיל מופתים, אזויפיל גילויים, אזויפיל הכרזות, אזויפיל גילויים וואס מען דערהערט אז דער אויבערשטער האט באשאפן דער וועלט, און אז ער פירט דער וועלט - 'אין' דער טבע און 'למעלה' מדרך הטבע, **אזעלכע סארטן גילויים וואס אז מען זאל דערציילן טויזנט יארן נאכאנאנד וועט מען נישט צוקומען צו קצה הסיפור וואס דארטן האט זיך אפגעטאן!**

אויף אזוי ווייט טאקע, אז ווען דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה הקדושה, האט ער געזאגט: **"אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ [אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם"[ו]]**. אלע פרעגן די קשיא - עס וואלט דאך געדארפט שטיין 'אנכי ה' אלקיך אשר בראתי את השמים ואת הארץ'!? נאר "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים" -

---

ה. עי' בספה"ק זרע קודש על המועדים, בסדר ההגדה, בד"ה "אמרו ז"ל מתמניא בניסן עד סוף", וזל"ש בא"ד: "**כי נס יציאת מצרים אי אפשר לספר כולו, כי לית מחשבה תפיסה ביה** בעולם זה שמשם נשתלשל הנס, **ואם יספר אלף שנים לא יגיע לקצה הסיפור**, כיון שאין שיעור וערך וקץ להדבר לפי מחשבות אדם לתפוס בעולם עליון, **נמצא שקדושת יום ראשון של פסח שיצאו ממצרים גבוה ועליון יותר מקדושת שבת, ולכן לא היה לא ע"י מלאך ולא ע"י שרף, כי אין להם שם שום השגה ותפיסה**. ועוד ראיה על זה, שאנו אומרים בשבת קודש **זכר ליציאת מצרים**, מוכח שיציאת מצרים גדול יותר, כיון ששבת קודש הוא זכר לו, וודאי הנזכר גדול יותר, ושבת זכר ליציאת מצרים לעורר את העולם שיציאת מצרים משם, והמתעורר גדול יותר, וקטן נתלה בגדול, **ובמתן תורה התחיל ית', אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים**".

ו. שמות כ, ב.

(ווייל) איר האט דאך געזעהן (- היו עֵדי רְאיה); אזא מין גילוי נפלא איז יציאת מצרים[ז].

## פ"ה ס"ח - עפן דיין מויל!

און דערפאר איז א מצוה גדולה - א מצוַת עשה דאורייתא, צו דערמאנען אלע טעג - 'יציאת מצרים', "כל ימי חייך" - לרבות הלילות[ח]. דאס איז עפעס א פשוט'ע זאך?! "כל ימי" - לרבות את הלילות, אלע טעג! אלע טעג און אלע נעכט זאלסטו דאס האלטן אין איין דערמאנען, און דו ביסט מקיים מיט דעם א מצות עשה דאורייתא פון הזכרת יציאת מצרים.

און פסח איז א מצוה מיוחדת 'לספר ביציאת מצרים' - צו עפענען דאס מויל, פס"ח – פה סח[ט] - **רעד ארויס קלאָר, רעד ארויס קלאר - לבטא בשפתים, רעד ארויס קלאר 'בשפה ברורה ובנעימה' דעם סיפור יציאת מצרים**.

דאס איז א מורא'דיגער שורש - דער ענין פון יציאת מצרים, דאס איז א שורש פון דעם גאנצן בריאת העולם, פון די גאנצע בריאת העולמות, **עס איז א שורש פון די גאנצע התחלה פון א אידן צו מקורב ווערן צום אויבערשטן 'לעולמי עד ולנצח נצחים'!**

## דאס איז 'אונזער' מעשה

דארטן איז דא דער סוד הנפלא מאוד פון "**המבדיל בין קודש לחול בין ישראל לעמים**"[י], פון אפילו "הללו עובדי עבודה זרה והללו

---

ז. עי' בפי' הטור על התורה בשם הרמב"ן, ועוד.

ח. עי' משניות ברכות פרק א' משנה ט', ועיין רמב"ם הל' קרי"ש פ"א, ה"ג.

ט. עי' פרי עץ חיים שער מקרא קודש פ"ד.

י. שבת קנ:

עובדי עבודה זרה, הללו מגלי עריות והללו מגלי עריות״[יא] - א סוד נפלא מאוד - אז שרעקליך אין דער וועלט - פון ׳המבדיל בין קודש לחול בין אור לחושך ובין ישראל לעמים׳!

די מעשה פון יציאת מצרים - דאס איז א מעשה נפלא מאוד וואס איז נאך געווען פאר די בריאה; די מעשה איז געווען באופן רוחני, בשורש שורשינו, ובשורש שורש שורשינו; און דער אויבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה, צו זיין דבוק אין דעם, און נעמען פון דעם.

דאס וואס ס׳איז געווען דארטן - עד אין קץ - **די גאנצע יציאת מצרים - מהחל ועד כלה - און אלעס וואס האט זיך געטאן, וואס מיר וייסן און וואס מיר וייסן נישט, גייט אויף יעדן איד! אויף יעדן איד! יעדן איד! יעדן איד ממש.** יעדער איד איז אלע אידן צוזאמען! יעדער איד איז אלע אידן צוזאמען! יעדער איד איז זייער גרויס - און דאס גייט אויף יעדן איד, יהיה מי שיהיה, יהיה איך שיהיה, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט אונז מגלה געווען - פשוטו כמשמעו, פשוטו כמשמעו, אזא שייכות האט א איד צו יציאת מצרים![יב]

---

**יא.** עי׳ שמות רבה, פכ״א, פ״ז.

**יב.** עי׳ בספה״ק ״ליקוטי הלכות״ הל׳ אונאה ה״ג, אות א׳, וזל״ש: **״כי התורה היא בכל אדם** ובכל זמן וכל אחד ואחד מישראל מי שרוצה ליכנס בדרך הישראלי באמת בדרך הקודש בדרך האמת, עוברין עליו כל הגליות וכל המלחמות והסיפורים המבוארים בכל התורה כולה ובנביאים ובכתובים, **כי כל אחד מישראל כלול מכל התורה וצריך שיעברו עליו כל המלחמות וכל הגליות בחינת גלות מצרים וגאולתה ושאר כל הגליות וגאולתן ומלחמת עמלק ומלחמת ל״א מלכים ושאר כל המלחמות שהיו על ישראל המבוארין בכל התנ״ך, הכל צריך לעבור על כל אחד ואחד מישראל עד שזוכה לבחינת גאולה שלמה שהיא בחינת גאולה שאין אחריה הפסק**, דהיינו כשזוכה לקבוע עצמו בדרך הקודש בקביעות גדול כיתד חזק בל ימוט לעולם וזוכה להתקרב לה׳ יתברך באמת כראוי, וגואל נפשו מכל התאוות ומכל הבלי עולם הזה לגמרי בבחינת גאולה שלימה שאין אחריה הפסק שזהו עיקר הגאולה בפרטיות אצל כל אחד ואחד מישראל, **כמובא בשם הבעל שם טוב ז״ל בחינת קרבה אל נפשי גאלה.** וכשיזכו מתא חדא או בי כנישתא חדא לתשובה כזו שהיא

**גלויב אז דער אויבערשטער קען דיר ארויסנעמען**

מיין טאטע[יג] ע"ה האט מיר געזאגט אז עס שטייט אין רמב"ן[יד] - איך האב עס געזעהן פון רבי צדוק'ן[טו] - מן הסתם שטייט עס

בחינת גאולה שלימה אז נזכה שיבוא לנו הגואל צדק ויגאלנו מהרה, כי כולא בתיובתא תליא וכו', כמו שאיתא בזהר הקדוש".

**יג.** ה"ה **הרה"ח רבי דוד** ב"ר יעקב גדלי' **שעכטער ז"ל**, נולד שנת תרנ"ט בעיר העתיקה בירושלים, והתייתם מאביו כבן ארבע עשר וחצי בערך, בעת מלחמת העולם הראשונה. התקרב לרבינו ז"ל על ידי שראה האיך הרה"ח רבי ישראל בער אודסר ז"ל מתפלל בתמימות ודביקות, קיבל הרבה מתורותיו ועצותיו של רבינו ז"ל מהרה"ח רבי אברהם שטערנהארץ ז"ל, היה מחשובי אנ"ש בדור הקודם, מדקדק במצוות באהבה, חכימא דיהודאי, ובעל חסד נפלא מאד, הרבה עסק עם מרי נפש ושבורי לב, וכן עסק הרבה בשידוכי מצוה, לא ראו אצלו ביטול זמן, והעיד עליו מורינו שליט"א (אוסף מכתבים חלק א' מכתב י') 'שישב ולמד לילות כימים בצנעה בבתי כנסיות שונים, שהיו שם ספרים רבים ומתוקים' עכ"ל, ועל כולן היה ענוותן ושפל ברך, הזהיר שלא לכתוב על מצבתו שום דבר שבח, נפטר י"ב ניסן שנת תשל"ד לפ"ק, ומנוחתו כבוד בהר המנוחות בירושלים עיה"ק תובב"א.

**יד.** עי' בדרשת תורת ה' תמימה להרמב"ן.

**טו.** עי' בספה"ק "פרי צדיק" פר' ואתחנן, אות ה', וזל"ש: "וענין של זכרון יציאת מצרים שהוזהרו עליה כמה פעמים הוא **כדי שלא יפול האדם בעצמו אחרי שיחשוב וידע נגעי לבבו ושלא יתייאש חס ושלום על זה בא זכירת יציאת מצרים שאף שהיו משוקעים שם בקליפה כל כך כעובר בבטן אמו מכל מקום הוציא ה' אותנו משם וכן יעזור השם יתברך לכל מי שירצה לשוב באמת.** וכמו שאמרו (שהש"ר ה' ב') בני פתחו לי פתח אחד של תשובה כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתחים שיהיו עגלות וקרנות נכנסות בו. ואומרים בשם הבעש"ט זצ"ל אך שהחודו של מחט יהיה מפולש מעבר לעבר עד מעמקי הלב. וזה הענין שהוזכר במאמר אנכי ה' אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים. **ורבים הקשו למה לא אמר אשר בראתי שמים וארץ. והרמב"ן ז"ל כתב שביציאת מצרים נכלל מציאות ה' וחידוש העולם והשגחה עיין שם.** ולפי הנ"ל הוא כי במאמר אנכי שהוא כנגד כתר עליון כמו שאמרו (זח"א רנ"ו א') אנכי ביה כ' כתר וכו', שזה מורה שישראל קשורים בשורש לזה נזכר יציאת מצרים להורות שאף מי שמשוקע חס ושלום בכל מקום שהוא מכל מקום זרע ישראל לא ידח ממנו נדח מאחר שקשורים בשורש בהשם יתברך ואם אך ירצה לשוב לה' ולדבקו בו יעזרהו השם יתברך כימי צאתנו מארץ מצרים".

נאך פון פריערדיגע, אז **בשעת מען איז מקיים די מצוה פון מזכיר זיין יציאת מצרים דארף מען גלייבן אז דער אויבערשטער קען מיר ארויסנעמען פון מצרים, און מקרב זיין צו "פנים בפנים דיבר ה' עמכם"!**[טז] - דאס איז די גרעסטע התקרבות, דאס דארף מען אריינברענגען אין זיך, ווייל אזוי וועט עס זיין סוף כל סוף!

זאל דער אויבערשטער העלפן עס זאל טאקע זיין מיט דעם, נישט מיט קיין צער, נישט מיט קיין עגמת נפש, נאר טאקע מיט דעם וואס מען דערמאנט יציאת מצרים, גלויבן אז אין מצרים איז מען געווען אין די ערגסטע מצבים אין דער וועלט ברוחניות ובגשמיות, און דער אויבערשטער האט געהאלפן! - אט דאס דארף אריינברענגען אין א מענטשן אז ער קען ארויסגיין פון אלע פלאנטערן!

**דער בעל דבר פארפלאנטערט יעדן מענטשן בגשמיות וברוחניות אז עס דאכט זיך אים אז ער וועט נישט ארויסגיין לעולמי עד! - גלויב אז דער אויבערשטער קען דיר ארויסנעמען! דארטן האט זיך געטאן גרעסערע נפלאות!**[יז]

## והיה מראה באצבעו - "און דאס איז די מעשה"...

און דאס (סיפור יציאת מצרים) איז אונזער מעשה, דאס איז אונזער מעשה ממש, עס איז אונזער מעשה. מיין טאטע ע"ה האט מיר אמאל געזאגט, אז רבי אלטר בן ציון[יח] ע"ה, ווען ער פלעגט אמאל

טז. דברים ה, ד.

יז. [אמר המו"ל: שמעתי מאברך חשוב שהיה בחור מבוגר, והיה לו לפניו ארבעה אחיות בתור שידוכים, והשיח לבו לפני מורינו שליט"א. ואמר לו שהשם יתברך יכול לעשות הכל ברגע. ולא דיבר הדברים אל לבו על אף שהוא היה מאמין, מכל מקום מרוב מרירותו על מצבו לא חיזק עצמו בדיבורים הללו, ומורינו שאל לו אתה מאמין שהרבונו של עולם ברא את העולם בששה ימים?! אמר לו: בוודאי! אם כן למה אינך מאמין שביד הרבונו של עולם לעשות חמשה שידוכים ביום אחד?!...]

יח. ה"ה **הרה"ח רבי אלתר בן ציון** ב"ר מרדכי דוד **קראסקאפ ז"ל**, נולד בשנת תרנ"ד

דערציילן די מעשה פון דער "בת מלך"[יט] - דער רבי הויבט דארט אָן: **"אִין וֶועג הָאבּ אִיךְ דֶער צֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה [וָואס וֶוער עֶס הָאט זִי גִיהֶערְט הָאט גִיהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה - אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה"** (וכו') **]**. (ופירושו:) "אויפן וועג" - מיר זענען אינמיטן וועג (של ימי חיינו), דארף מען וויסן צו נישט קיין טעות האבן און פארקריכן, אינמיטן וועג דארף מען דערהערן די מעשה. מען פירט דאך אויס - "און דאס איז די מעשה". האט ער אנגענומען (געוויזן אויף) יעדן איינעם: "דאס איז די מעשה, דאס איז די מעשה, דאס איז די מעשה" - יא! יעדער איינער - דאס איז די מעשה! **יעדער איינער איז אַן עולם מלא! וואס עס קאכט זיך דורך מיט א אידן - פלאי פלאות, וואס דער פתרון איז נאר די תורה הקדושה!**

## "מצמיח ישועות" - אָן צו וויסן פון וואו

עס זענען דא ממש (וואס זענען אזוי) פארפלאנטערט - - אמאל האט מיר געזאגט א איד, ער איז געווען שטארק מיואש, ער האט מיר דערציילט וואספארא מין יאוש (- המעבר שעבר עליו), מען האט נישט געגלייבט על פי דרך הטבע (שיוושע). האט ער מיר געזאגט, אז ער האט געליינט דעם סיפורי מעשיות - א פרעמדער איד - ער האט געליינט דעם סיפורי מעשיות. און דער אויספיר פון דער ערשטע מעשה איז: **"אוּן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט דֶער צֵיילְט - צוּם סוֹף הָאט עֶר זִי אַרוֹיס גִינוּמֶען [אָמֵן סֶלָה"]**. האט ער דערהערט - 'איך ווער געהאלפן'! - ווי? ווייס איך נישט, דער

---

לפ"ק בעיר לאדזש שבפולין, התקרב לרבינו ז"ל ע"י רבי שלמה גבריאל ז"ל, היה למדן גדול והיה תמיד מסיים מסכתות, היה בזכרונו שיחות נדירות הרבה של רבינו ז"ל ותלמידיו, ששמע מחסידי ברסלב מדור הקודם לו, וממנו קיבל הרבה אותו חסיד הידוע הרה"ח רבי שמואל הורוויץ ז"ל בתחילת התקרבותו, ומוזכר רבי אלתר בן ציון בספר 'ימי שמואל' כמה פעמים, נפטר י"א חשון שנת תשי"ד לפ"ק.

יט. מעשה א' מספה"ק "סיפורי מעשיות", מעשיות גבוהים עם סודות נשגבים שסיפר רבינו ז"ל.

רבי האט נישט דערציילט. מען דערציילט נישט, (אבער) יעדער וועט געהאלפן ווערן אזוי, נאר ער וועט נישט דערציילן, מען קען דען דערציילן?!

אזוי ווי עס שטייט "מצמיח ישועות". וואס איז טייטש 'מצמיח ישועות'? נעם א פרי איידער עס איז נצמח געווארן - איז דאס נישט, ס'איז נישט. 'מצמיח ישועות' איז דער פשט, א מענטש דארף האבן געוואלדיגע ישועות, ער ווייסט (אבער) נישט ווי ער וועט געהאלפן ווערן. מען ווייסט נישט - ווייל די ישועה איז נאכנישט דא, ווייל ס'איז נאכנישט ארויסגעוואקסן. אבער "מצמיח ישועות" - אז עס קומט די ישועה, ווערט די ישועה, עס איז מצמיח, עס ווערט א נייע זאך - א בוים איז א נייע זאך, א פרי איז א נייע זאך, ס'איז נישט געווען, ס'איז געווען נעלם בתכלית ההעלמה. דערפאר טאקע, פאר די ישועה ווייסט מען נישט פון וואו מען קען געהאלפן ווערן, די ישועה קומט (באופן) מצמיח ישועות[כ].

**מיט דעם דארף מען לעבן! מיט דעם דארף מען לעבן!** און אט דאס האט דער רבי אריינגעבאקן, דאס איז כמעט אינגאנצן דעם הייליגן רבי'נס דיבורים, עס איז נישט קיין ספק אז אלע דיבורים פון רבי'ן ליגט אין יציאת מצרים וגאולתה - אלעס, אלע חיזוק פון רבי'ן, ***'יהיה מי שיהיה' 'יהיה איך שיהיה' 'הגרוע שבגרועים'*** - וואס איז למעלה מדרך השכל, דאס האט דער רבי גענומען פון יציאת מצרים! די

---

**כ.** עי' בספה"ק "עלים לתרופה" (אגרות מהרה"ק מוהרנ"ת ז"ל), מכתב כ"ה, וזל"ש: **"והנה כשמסתכלים היטב באמת יכולים לראות בכל יום ויום צמיחת קרן ישועה,** וכמו שאנו מברכים בכל יום מצמיח קרן ישועה, וכן בתחילת התפילה אומרים מצמיח ישועה, וכן בברכת המאורות מצמיח ישועות, ובוודאי צריכים להאמין בזה בלב שלם, שהשם יתברך מצמיח ישועות בכל יום ובכל עת ובכל שעה, וקצת יכולים לראות מרחוק מי שמשים לב לזה, **ואף על פי שעוצם הישועה בשלימות עדיין רחוקה מאתנו מאד מאד, וכמו שכתוב לישועה רחקה ממנו, אף על פי כן הרבה יכולין להחיות את עצמם ולחזק את עצמם על ידי זה שדיברנו, על ידי שמאמינים שהשם יתברך מצמיח ישועות,** שים לבך בני היטב לדברים האלה".

צדיקים נעמען אלעס פון די תורה הקדושה. די יציאת מצרים וגאולתה - איז אלסדינג, **דאס איז א סיפור כלול כל הבריאה כולה און יעדן מענטשן בכל פרטיו ודקדוקיו ממש!**

## קערנדלעך פון דער גאולה העתידה

און אפילו די גאולה הנצחי וואס וועט זיין לעולמי עד ולנצח נצחים בכלל ובפרט - פון מצרים איז מען ארויס (נאר) פון מ"ט שערי טומאה, לעתיד וועט מען ארויסגיין פון נו"ן שערי טומאה 'לנצח נצחים' - אבער דער גרעין פון דער ישועה איז געווען אין מצרים, די קערעלע איז שוין געווען דארטן, דאס הייסט, אפילו די גאולה הנצחי וועט אויך זיין מכח יציאת מצרים, בכח יציאת מצרים[כא].

מען הערט די ווערטער - ס'ממש - - די וועלט גייט ארום מיט יאוש, פול מיט יאוש, ברוחניות ובגשמיות. עס דארף ליגן אין די אמונה הקדושה, עס דארף שיינען די אמונה הקדושה דאס אז דער אויבערשטער פירט דער וועלט, דער אויבערשטער פירט דער וועלט. די גאנצע יציאת מצרים, די גילויים הנוראים איז געווען - **"כִּי אֲנִי ה' בְּקֶרֶב הָאָרֶץ"**[כב]. דו זעסט אט די גראבע טבע? דער אויבערשטער

---

**כא.** עי' בספה"ק "ליקוטי הלכות" הל' יו"ט ה"ה, אות י', וזל"ק שם: "שבת ויום טוב (שהם בחי' גאולה העתידה, וגאולת מצרים - עי' פנים. המעתיק) צריכין זה לזה. כי אם לא היו האותות וכו' שעל ידי זה קדושת יום טוב לא היו יודעים משבת כלל. ואם לא היה קדושת שבת לא היה אפשר לגלות אלקותו יתברך ביציאת מצרים, כי עיקר המופתים של יציאת מצרים היה בכח שבת שקביעא וקיימא, שזהו בחינת שבת הגדול שקודם פסח. **וכן גאולה האחרונה אי אפשר כי אם על ידי שהיה מקודם גאולה הראשונה** ואלמלא הכח של גאולה האחרונה לא היתה גאולה הראשונה, בבחינת קץ בא הקץ (כמו שמבואר במקום אחר) ...כי שניהם צריכים זה לזה בבחינת "עד יעבור" "עד יעבר" וכו'. ודרשו רז"ל, על גאולה הראשונה ועל גאולה האחרונה. שאז בשירת הים בשעת קריעת ים סוף, שהוא גמר יצירת מצרים, התנבא על סוף הגאולה האחרונה שאין אחריה גלות, **כי שניהם תלויים זה בזה**".

**כב.** שמות ח, יח.

זאגט "**הִתְעַלַּלְתִּי**"[כג] - איך שפיל זיך מיט דעם אזוי ווי 'כחומר ביד היוצר'. פול, פול אזעלכע גילויים וואס ס'איז געווען אין מצרים!

און דאס דארף מען גלייבן, דאס ליגט אין די דיבורים פון צדיק - די דיבורי אמונה! און אט דאס איז אלץ נתגלה געווארן - און מען דארף עס נעמען, "תחילה למקראי קודש זכר ליציאת מצרים" - נעם פון דארטן, נעם פון דארטן! דו ביסט שוין דארטן געווען, עס זענען אלע געווען - "**כאילו הוא עצמו יצא ממצרים**"[כד] - ווייל מען איז טאקע געווען אין מצרים, און ערשט (-און יעצט) קומט מען נאך, עס דארף זיך ענדיגן די תיקונים.

און אז עס איז קלאר די אמונה אז דער אויבערשטער פירט דער וועלט און אז אלעס אלעס איז פונעם אויבערשטן, אלעס איז פונעם אויבערשטן, איז נישטא קיין יאוש! ס'איז נישטא קיין יאוש! ס'איז נישטא קיין יאוש במציאות! ס'איז נישטא קיין יאוש! מען קען זיך האלטן, אלעמאל האלטן, אלעמאל אלעמאל זיך האלטן![כה] **דאס איז**

---

**כג.** שמות י, ב.

**כד.** גמ' פסחים קטז:

**כה.** עי' בספה"ק "ליקוטי הלכות" הל' משא ומתן ה"ד, אות י"ז, וזל"ש: "כל זמן שיש לו אמונה יש לו תיקון לעולם! וכמו שאמר רביז"ל לאחד שנפל בדעתו מאד. ענה ואמר לו: 'אם אתה מאמין שיכולין לקלקל תאמין שיכולין לתקן!'. **וכבר מבואר בדברינו אלפים פעמים שאין שום יאוש בעולם כלל. והעיקר הוא האמונה** כנ"ל, כי כשיש לו אמונה בהשגחתו יתברך בשלמות, שזהו בחינת רצוא ושוב, בחינת כלליות האחרית בראשית כנ"ל, על ידי זה זוכה להגיע לאחרית טוב בבחינת כי אחרית לאיש שלום, **כי על ידי אמונה שלימה ידלג ויקפץ על כל המניעות וההסתות והפיתויים והדחיות וחלישות הדעת שהיצר הרע וחילותיו רוצים להפילו כאילו אין לו עוד שום תקוה** (עדיין). כי על ידי אמונה עוברים ומדלגים על הכל, כי הוא מאמין שהשי"ת ראשון ואחרון אלקי הראשונים והאחרונים. **והוא יתברך בוחר בעבודת משה רבינו ועבודת האבות וכל הצדיקים הגדולים הנוראים. ואף על פי כן הוא משתעשע ומקבל תענוג גם מעבודה קלה של הפחות שבפחותים שבישראל. אפלו רשעים ובעלי עבירות ופושעי ישראל כל זמן ששם ישראל נקרא עליהם, דהיינו שיש להם אמונה!**".

**דאך דער גאנצער איד - זיך אלעמאל דערהאלטן - דאס איז דער גאנצער איד! די "עם קשה עורף" דקדושה**[כו]**, וואס אויף דעם זענען מיר באשאפן געווארן! און דאס איז די גרעסטע הַמַּלְכָה! די גרעסטע המַלְכָה! אלע עולמות שטייען אין אונזער תיקון - אלע עולמות ממש!**

## אהבתי אתכם אמר ה'

עס איז כדאי אז מען זאל וויסן, עס זאל שיינען די זאך: "**אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה'**"[כז] - דאס גייט על כל אחד ואחד מישראל, על כל אחד ואחד מישראל, מען קען דאך האבן אזא מין דביקות, ממש ממש! א מורא'דיגער דביקות!

א איד האט געטוהן לעצטנס וועגן 'מאה ברכות', האב איך געזעהן ער ברענגט אראפ כמה ספרים. איז חוץ אלע מעשיות ווי מען זאגט - דארף עס זיין א (זכיה שנותנים לו) רשות - מען גיט א מענטשן רשות צו דאנקען דעם אויבערשטן![כח] דאס איז דאך אזא מין זכות

---

**כו.** עי' בספה"ק "ישמח משה" פר' אמר, ד"ה "במדרש שור או כשב", וזל"ש: "על פי מ"ש בחן טוב (פרשת תשא דף קצ"ד) **בשם חכמי קאשטיליא** על הפסוק (שם שמות לד ט) 'ילך נא ה' בקרבינו כי עם קשה עורף הוא', וז"ל בקצרה, שאמר משה להקב"ה למה יחרה אפך בעמך (שם שמות לב יא), ואם מפני קושוי ערפם ועודם מחזיקים בהטומאה שהורגלו במצרים, **הלא אדרבה זו טענה חזקה לקרבם אליך, כיון שטבעם קשה עורף וחזקים להפוך פניהם מדבר שהורגלו, כמו כן יהיו עם קשה עורף שלא ימירוך, אזי אחר שיורגלו עבודתך ויהיו חזקים באמונתם ולא ישיבו מפני כל.** וזה שאמר משה רבינו ע"ה ילך נא ה' בקרבנו, כיון שעם קשה עורף הוא כנ"ל, עכ"ל. **ונמצא הוי מליצה לזכות**", עכלה"ק של בעל ה'ישמח משה' זי"ע.

**כז.** מלאכי א, ב.

**כח.** עי' בספה"ק "ליקוטי עצות", ערך 'תפילה', אות כ"ט, וזל"ש: "כשאנו קוראין להשי"ת בתארים של בשר ודם בתפילות וברכות, והוא נמצא לנו בכל קראינו אליו, זה חסד השי"ת, כי אם לא היה חסדי השי"ת, לא היה כדאי לקרוא ולכנות אותו יתברך בתארים ושבחים ותיבות ואותיות, אבל זה הכל חסד השי"ת, **ומזה ראוי לאדם להתעורר ולהתלהב מאד בתפלה**, כשיזכור גדולת הבורא יתברך כפום מה דמשער

עליון! דו ווייסט וואס דאס הייסט?! נאכמער, דער אויבערשטער זאגט - 'איך וויל דיין דאנק'! דאס איז דאך א מורא'דיגע זאך, מיר זענען מורא'דיג גרויס און מורא'דיג חשוב - מורא'דיג!

די קטנות מיט די הבלי עולם איז אונז משכיח אלע אלע ערנסטקייטן, אלע ערנסטקייטן פון א איד! **א איד איז א לעבעדיגע זאך, א איד איז א פרייליכע זאך, א איד איז פול מיט אלוקות, פול מיט אמונה!** און מיר זענען מוכשר לכך, אונזער בנין הגוף איז דאך - **"צִיּוּרָא דְּמַשְׁכְּנָא כְּצִיּוּרָא דְּעֻבְדָּא דִּבְרֵאשִׁית, וְצִיּוּרָא דְּגוּפָא כְּצִיּוּרָא דְּמַשְׁכְּנָא"**[כט], מיר זענען מוכן צו זיין א משכן דקדושה! **מיר דארפן אביסעלע אמונה! אביסעלע אמונה! אביסל שכל!**

## כי חג ה' 'לנו'

מען דארף דאך גלייבן אז עס איז דאך דא א התחדשות בכל עת ורגע. עס קומט א יום טוב – חג לה', חג לה', און מיט אזא מין חידוש, מיט אזעלכע שירים, מיט אזעלכע ניגונים וואס עס איז קיינמאל נישט געווען... (מען דארף) זיך אביסל אפטרייסלען פון די עצבות, פון די קטנות המוחין, פון די בלבולים - חג לה'!

און אזוי ווי (עס איז) חג לה' בכלליות, איז (אויך) חג לה' בפרטיות, 'נר איש וביתו' - חג לה'! דער אויבערשטער פריידט זיך מיט יעדן אידישן שטוב, מיט יעדער ניגון, מיט די אלע תיקונים וואס עס טוט זיך: מיט ביעור חמץ, מיט אכילת מצה, מיט שמחת יום טוב - אלעס אלעס, דאס איז א מורא'דיגע זאך. יום טוב איז א בחינה - א מעין

---

בלביה, שהוא מרומם ומנושא מאד מכל אלו השבחים והתארים, **רק מאהבתו וחמלתו וחסדו הגדול נתן לנו רשות לקרות אותו בתארים אלו ולהתפלל לפניו, כדי שנזכה להתדבק בו יתברך.** על כן ראוי לומר על כל פנים אלו התיבות והתארים בלב שלם ובכוונה גדולה במסירת נפש, מאחר שאנו זוכין בחסדו לקרות אותו בתארים אלו".

**כט.** תיקוני זוהר, הקדמה, דף י"ב. [תרגום: צורת המשכן היא כצורת מעשי בראשית, וצורת גוף האדם הוא כצורת המשכן].

פון דער בית המקדש (וואס האט) ארייינגעשיינט אין יעדן אידן; מען דארף עס (נאר) נעמען! מען דארף עס נעמען!

א מענטש דארף זיין מקושר מיט'ן זמן: **"הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם"**[ל] – עס איז אייער'ס - נעמט עס, ווערט איינס מיט'ן חודש, זייט מקדש דעם חודש, משה רבינו האט מקַדש געווען דעם חודש – ווערט איינס מיט'ן חודש, ווערט איינס מיט די מועדים וואס ס'איז דא אינעם חודש; די גאנצע קידוש החודש איז דאך למען המועדות.

עס איז א יום טוב - חג לה'! **"חג ה' לנו"! "לנו" - אונז מיט'ן אויבערשטן צוזאמען! א יום טוב - אונז מיט'ן אויבערשטן! איר ווייסט וואס פאר א מין שמחה דאס דארף זיין?!**

## המבזה את המועדות אין לו חלק לעולם הבא

מען זאגט פון דעם "חידושי הרי"ם"[לא], אז עס שטייט **"המבזה את המועדות אין לו חלק לעולם הבא"**[לב]. אז עס שטייט אט דער (ווארט) "המבזה", דארף מען געפינען אין די תורה דעם ווארט 'המבזה' צו ויסן וואס דאס הייסט 'המבזה' - אזוי איז דאך די דרכו של התורה

---

**ל.** שמות יב, ב.

**לא.** עי' בספה"ק "שפת אמת" פר' ויקרא-פסח-תרל"ב. גם עי' בספה"ק "אמרי אמת" - ימים ראשונים של פסח - תרפ"ד, וזל"ש: "אלהי מסכה לא תעשה לך את חג המצות תשמור, איתא בגמרא כל המבזה את המועדות כאילו עובד עבודה זרה שנאמר אלהי מסכה לא תעשה לך וכו'. גבי שאול כתיב ובני בליעל אמרו מה יושיענו זה ויבזוהו, **ונראה דכל המבזה את המועדות היינו שאומר על הזמנים המקודשים מה יושיענו זה, צריכים להאמין שהימים טובים נותנים כח על כל ימות השנה**, ואאז"ל אמר על הפסוק **"והיה אמונת עתיך חוסן ישועות" - שכפי מה שהאדם מאמין בעתים ובזמנים המקודשים כך הם חוסן ישועות"**.

**לב.** משניות אבות פרק ג', משנה י"א. ובגמ' פסחים קי"ח ע"א - "המבזה את המועדות כאילו עובד עבודה זרה", שנאמר "אלהי מסכה לא תעשה לך" וכתיב בתריה "את חג המצות תשמור".

הקדושה[לג]. איז ביי שאול'ן שטייט אז בשעת ער איז געווארן מלך, איז די בני בליעל האבן געזאגט: "**וּבְנֵי בְלִיַּעַל אָמְרוּ מַה יֹשִׁעֵנוּ זֶה? וַיִּבְזֻהוּ!**"[לד], ווי מען זאגט - ווער דארף אים? וואס איז ער? ווער? ער וועט זיין א קייסער? וואס וועט דא זיין? וואס וועט ער אויפטוהן?!. זאגט ער, אז מען זאגט אויף א יום טוב "מה יושיענו?", איז דאס ביזוי יום טוב - מה יושיענו היום טוב!.

- **היינט דארף מען עס 'גאר' ניצן!** עס איז נישט קיין וואונדער וואס עס קומט היינט אזויפיל עצבות, מיט אזויפיל בלבולים וואס לאזט נישט צו אביסעלע ליכטיגקייט, אביסעלע ליכטיגקייט!

**גיב זיך איבער**

דערפאר טאקע, די עצה היעוצה אמיתית איז, צוגיין מיט א גרויסע עֲבדות - מיר זענען געוועז עבדים ביי פרעה'ן, מען דארף צוגיין מיט א ביטול גמור. אז עס קומט א עבד, מען שלאגט אים, מען קלאפט אים - ער מוז אבער טאן, צו ער פארשטייט צו ער פארשטייט נישט, צו ער וויל צו ער וויל נישט, אזוי האט אים דער אדון געהייסן, למעלה מהכוחות.

**מען דארף צוגיין מיט עבדות, ברוך השם - עס איז א גוטער עבדות - א ביטול צום אויבערשטן - די אמונה**; און די אלע הלכות יום טוב בפשטות - דער סור מרע פון יום טוב פון 'לא תאכל חמץ' און פון 'ביעור חמץ' און פון א 'משהו חמץ'; און אכילת מצה מיט אלע מצוות ביי אונז.

אין דעם סדר נאכט טוען זיך דאך אזעלכע אורות למעלה, אזעלכע אורות למעלה, עס איז מורא'דיג אין דער וועלט, און מען דארף קיין

**לג.** ע"פ מה שאמרו חז"ל "דברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר".

**לד.** שמואל-א י, כז.

איין זאך נישט, נאר פשטות, פשטות פשטות! און ביטול ביטול! און דער ביטול - אט דאס איז אונזער עצה, "עצתו אמונה!"[לה]

### באקומען א נייע צורה

עס ווערט געבראכט פון דעם קאמארנער[לו] מן הסתם, (על המשנה:) **"וחילופיהן בגולם"**[לז] - א לשון המשנה - אזא סוד (מה שנקטו דייקא -) "וחילופיהן בגולם". איז אזוי, נעם א תכשיט א מניע (- האנט באנ"ד\ברעיסלע"ט), א מניע קען נישט ווערן קיין אויער-רינגל, און אַן אויער-רינגל קען נישט ווערן קיין טבעת. אז דו מאכסט א כלי, נאכדעם וואס דו מאכסט א כלי קען עס נישט ווערן אנדערש; פון איין כלי קען מען נישט מאכן קיין צווייטער כלי. אז מען וויל יא מאכן פון איין כלי א צווייטער כלי, דארף מען עס צעגיסן עס זאל ווערן צוריק א גולם, דארטן קען זיין אלע בעסטע חילופין, דו קענסט עס מאכן א שענערע כלי, א גרעסערע כלי, ווי דו ווילסט, פארוואס? ווייל דו האסט עס מבטל געווען. פון דער ביטול - פון דארטן.

דערפאר איז טאקע א דבר ידוע; אין די ארבע יסודות איז דא א באהאלטענער חומר וואס הייסט 'היולי', וואס ער איז מקבל אלע צורות; ער קען ווערן אש, ער קען ווערן מים, ער קען ווערן רוח, ער קען ווערן עפר, ער קען ווערן גאלד, ער קען ווערן זילבער.

---

**לה.** פיוט "אתה הוא אלקינו" בתפילת ימים הנוראים.

**לו.** בספר נוצר חסד על מסכת אבות, וזל"ש: "גולם. מבואר בספר יצירה להראב"ד, שסוד **'גולם'** ענין תוהו היסודית חומר **'היולי'**, כולל כל הצורות, והוא **אַיִן** ממש. **"וחילופיהם בגולם"** קוצו של יוד, שם כל החילופים להחליף בין הויה להויה, שהוא ההעדר שבין הויה להויה, **וכן נמצא משם מרן אלקי הריב"ש זצ"ל**, שסוד גולם הוא העדר, שהוא עיקר הויה, ומדריגה זאת למעלה מן חכמה שהוא הויה, ולכן פתח התנא בגולם שהוא מדריגה היותר גדולה, שגם הרע הוא טוב גמור שם, ומשתמש בכל המדות רק לצורך גבוה".

**לז.** אבות פ"ה, מ"ז.

פארוואס? ווייל ער איז עפעס א שטארקער ביטול, דאס איז עפעס א נקודה אין וואס דער 'יש-ואַיִן' קומען זיך צונויף.

**דער בעסטער ביטול אונזערע, דער בעסטער ביטול אונזערע - איז אמונה! אמונה הקדושה – דאס איז דער בעסטער ביטול, אמונה! תמימות!** (פון דעם) איז מען מקבל די שענסטע צורה וואס קען נאר זיין; מען קען פושט זיין די ערגסטע צורה וואס מען האט אין זיך - און מקבל זיין די בעסטע צורה.

## איך ווייס גארנישט

דער מגיד[לח] ברענגט ערגעץ א משל, אז ווען עס דארף ווערן פון א ביצה אן אפרוח - א ביצה מיט אן אפרוח איז צוויי באזונדערע זאכן; אין א ביצה זעהט מען נישט קיין אפרוח, דער אפרוח איז א נייע זאך אינגאנצן; אז עס דארף אריבערגיין פון א ביצה צו אַן אפרוח ווערט עס חרוב ונחרב - ביטול; ערשט (דעמאלט) קען עס ווערן אן אפרוח.

די זעלבע זאך איז ביי א חיטה[לט]; א חיטה ווערט אינגאנצן נרקב און נאכדעם ווערט דערוועקט א באהאלטענע נקודה און עס הייבט

**לח.** עי' בספרו הקדוש "מגיד דבריו ליעקב", אות ס': "וחכמה הוא המהווה כל הדברים, וכל השתנות שבעולם אי אפשר בלא חכמה, דהיינו האי"ן. **שעינינו רואות שמביצה אין יכול להיות אפרוח עד שמפסיד הביצה מכל וכל, ויכנוס רגע אחד בשער האי"ן, ואח"כ יכול להיות השתנות מביצה לאפרוח.** ועל שם כן נקרא חכמה כ"ח מ"ה, שהוא האי"ן **והוא היולי של כל העולם, והוא הפושטת צורה ולובשת.** על כן בה נעשה השתנות".

**לט.** עיי"ש אות ע"ח: "ונודע שכל דבר שבעולם, כשמביאים אותו לשורשו, יכולים לעשות בו השתנות ממה שהיה מקודם. **למשל החיטה** שרוצין לשנותה לעשות ממנה כמה חטים, מביאים אותה לשרשה, שהיא כח הצומח שבקרקע. ולכן לא תצמח אלא בקרקע ולא במקום אחר, וגם שם לא תצמח עד שירדו גשמים וילחלחו ויפסידו צורתה ותבוא לבחינת **אי"ן**, שהוא **חומר ההיולי**, שהוא בחינת חכמה כנודע, והוא שורש הכל, כמ"ש 'כולם בחכמה עשית'. ואז יוכל לבוא בה כח הצומח, ויצמח ממנה

אן צו בליען א נייע זאך. פארוואס? ווייל איבערגיין – צו פושט זיין צורה און מקבל זיין צורה - דאס איז נאר דורך ביטול!

**די געשמאקסטע ביטול וואס מען האט אונז געגעבן, איז די אמונה הקדושה! אמונה הקדושה – איך ווייס גארנישט, איך ווייס גארנישט, איך ווייס גארנישט!** איך גלייב אין דעם אויבערשטן - אז דאס איז קודש און דאס איז חול, דאס איז טמא און דאס איז טהור - אזוי! אזוי! איך ווייס גארנישט, ביטול גמור.

פון דא ווערט מען א כלי צו מקבל זיין די גרעסטע הארת המוחין - נאר דורך ביטול, און א גוטער ביטול, א געשמאקער ביטול, א געשמאקער ביטול, א ביטול וואס דער ביטול איז די העכסטע זאך - מען איז זיך מבטל צום בורא עולם אליין און צו תורת משה, צו הלכה למשה מסיני - דאָ דאָ, דער ביטול! מיט דעם ביטול קומט מען אן צו אלסדינג!

## גלויב אין דעם יום טוב

און דאס - דאס איז דער ארבעט יום טוב, דאס איז דער ארבעט ביי אונז יום טוב: **'ראשית כל' - גלויבן אין דעם גרויסקייט! גלויבן אין דעם גרויסקייט! גלויבן אין דעם גרויסקייט!** פילן אז מען איז אין דעם יום טוב אזוי ווי מען איז ערשט אין דעם בית המקדש; און די אהבה של יום טוב; און אלע תיקונים מיט וואס מען פילט אן דעם יום טוב - ובפרט מיט דעם 'סדר הקדוש' - ווי ס'דארף צו זיין - בשמחה, בשמחה ובטוב לב; (וכמו-כן גם) אסאך לערנען אין דעם גאנצן יום טוב, און אסאך דאווענען דעם יום טוב.[מ]

---

כמה חיטם. וכן האדם כשיביא את עצמו לשרשו, דהיינו לבחינת אי"ן, שמקטין את עצמו, כמו החכמה שמקטנת את עצמו, ואז יהיה בו השתנות המדות האהבה והיראה וכיוצא בו, הכל להשם יתברך לבד".

**מ.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק א' מכתב ס"ח) וז"ל: הפסח עבר עלינו בשמחה, ותודה לה' על כל פסח ופסח שחוטפים בזה העולם, ואף על פי שאנו כמו אנו,

**עס לוינט צו לעבן טויזנט יאר...**

דאס דאווענען פון דעם יום טוב אליין, און די תורה וואס מען זיצט און מען לערנט יום טוב, און די שמחה אין שטוב יום טוב - בפשטות בפשטות, דאס איז תיקונים לעולמי עד ולנצח נצחים! וכל-שכן פסח, וואס למעשה איז עס טאקע כולל כל התורה כולה, מיט אלע מיני תיקונים און אלע הלכות און אלע מנהגי ישראל!

אלע הלכות וואס גייען דורך דעם יום טוב, אז עס גייט צו ווי ס'דארף צו זיין 'באמונה שלימה', איז מען א גערעאטעוועטער, א גערעאטעוועטער לעולמי עד ולנצח נצחים - דאס איז עס! **עס לוינט צו לעבן טויזנט יאר צו האבן איין יום טוב אויף דער וועלט!**

איך מיין אז דאס איז א גרויסער כלל, א גרויסער כלל - די אמונה. מיט דעם קען מען פארשטיין דעם ווארט פון "תחילה למקראי קודש" - נעם זיך צו מצרים, נעם זיך צו יציאת מצרים, דו זאלסט אלעמאל מזכיר זיין יציאת מצרים - אז דו האסט א פתח וואס איז אן התחלה פון אלע התחלות!

וויפיל דער רבי האט גערעדט פון התחלה - - וויפיל דער רבי האט גערעדט פון התחלה - - דער הייליגער רבי האט גערעדט פון התחלה, **מען קען זיך באנייען! אז מען איז א בעל אמונה, קען מען זיך אלעמאל באנייען - א בעסערע צורה, א העכערע צורה - אלעס, אלעס!**

---

אבל סוף כל סוף קיימנו המצוות היקרות התלויים בו באמונה, ונתכללנו בחג ה' אשר נחלנו, ומה רב טוב הצפון בחג הקדוש הזה, שנזכה ונחיה ונירש אותו, וזוכר אני מהרה"צ ר' אברהם שטערינהארץ זצ"ל, שבשנותיו האחרונות הרבה לדבר בכל חג מה"שהחיינו" של החג, והפליג לדבר מהזכיה שזכה להיות עוד יום טוב בזה העולם.

## אמונה אין דעם הסתר פנים

"**אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה**"[מא] גייט אויף אמונה[מב]. מלכות רופט זיך אמונה[מג]. די מידת האמונה וואס ווערט נמשך צו אונזערע נשמות וואס איז מספירת המלכות, איז "**ראש פינה**", דאס איז די בעסטע זאך - בפרט אין אונזער מצב פון הסתרת פנים, מיט אזעלכע בלבולים.

מיר טוען מיט אונזערע חכמות - - איינס צו-צוויי איז אויס חכמה, איינס צו-צוויי שפירט מען אזוי, שפירט מען אזוי, מען ווייסט נישט וואס טוט זיך מיט אונז... - **ווער מבוטל בכל עת ורגע! אמונה! אמונה! אמונה! אמונה!** אמונה אין השגחה פרטית, אמונה אין אלע מצות הבורא, אמונה אז וואס מען זעהט און וואס מען הערט איז אלץ פון אויבערשטן - דאס איז הפלא ופלא, הפלא ופלא!

מיט אלע טירדות, מיט אלעס וואס מיר זענען אין אזא דור המבול, מיט אלעס וואס מיר זענען אזוי שווער באשאפן געווארן אין אזא מין שווערע תקופה פון הסתרת פנים - קען מען זוכה זיין צו די גרעסטע זאכן אויף דער וועלט! צו די גרעסטע זאכן פון דער וועלט! (אפילו) בתוך הבלבול, בתוך הדין - מיט אמונה! מיט אמונה טוט מען גוטס, מען טוט נישט קיין שלעכטס איינמאל און נאכאמאל.[מד]

---

**מא.** תהלים קיח, כב.

**מב.** עי' תיקוני זוהר, דף קמ"ה ע"א, שם מבאר פסוק זה על מידת המלכות.

**מג.** כידוע בזוה"ק ובכתבים עשרות פעמים.

**מד.** ראוי לציין לשון מורינו שליט"א על ספר התהלים עם פירוש "ישועות אשא" (קי"ח, כ"א): **פתחו לי וגו', זה השער וגו', אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה.** ישנם המדמים שכאשר האדם מהלך בחכמה ובחקירה, על ידי כן יוכל לבא אל השם יתברך, וכשמהלך בתמימות הרי הוא כמי שהולך עם ראשו בקיר [די קאפ אין וואנט], **אבל האמת הוא להיפך, על ידי החכמה והחקירה נכנסים למבוי סתום, כך שלא רק שהאדם הולך עם ראשו בקיר, אלא שהקיר משבר את ראשו, ורק כשהאדם מהלך בתמימות ובפשיטות, על ידי כן שייך לצאת מהיצר.**

**צוזאמגעשטעלטע נשמות...**

איך האב געזעהן אן אינטערסאנטע זאך. רבי דניאל פריש[מה] האט אפגעדרוקט א ספר "מתוק מדבש" אויף "שער הגלגולים", איז אין דער הקדמה ברענגט ער אראפ א זאך וואס עס איז כדאי דאס צו וויסן. [אוודאי איז דאס אויך פונעם אויבערשטן, וואס דער אויבערשטער ווייסט אז אזוי דארף זיין –] ער ברענגט אראפ דעם סטראשעלער[מו], ער איז געווען א תלמיד מובהק ביים רַב (בעל התניא)

---

וזהו מה שנאמר '**פתחו לי שערי צדק אבא בם אודה קה – זה השער לה' צדיקים יבאו בו**', צדק היינו אמונה (לקוטי מוהר"ן סימן ז' בשם הזוהר הק'), ואמר דוד המלך, '**פתחו לי שערי צדק**' – הבו לי את כח האמונה, ועל ידי זה '**אבא בם אודה קה**' – אבא לעבודת היראה, מה טעם, לפי ש'זה השער לה'' – 'זה' דייקא, שכל שאר השערים של חכמות וחקירות נעולים וכשמהלכים בהם באים לידי מבוי סתום, ורק על ידי האמונה הוא השער לה', ומשום כן האמונה הוא כנגד ספירת 'המלכות', וזהו '**אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה**'.

**מה.** ה"ה **הרה"צ רבי דניאל** ב"ר נפתלי הירצקא **פריש זצ"ל**, נולד ז' שבט שנת תרצ"ה בעיר נאנאש באונגארן, בגיל שלש התייתם מאמו, בהיותו כבן תשע פרץ מלחמת העולם השניה, עלה לארץ ישראל בשנת תשי"ב לפ"ק, למד תורה אצל האדמו"ר רבי יוחנן מערלוי ז"ל, ואח"כ דבק עצמו בחבורת האדמו"ר מתולדות אהרן ז"ל, לימים היה מראשי ישיבת 'אנשי מעמד' ללימוד תורת הנסתר, ור"מ בישבת המקובלים 'שער השמים', וגם יסד כולל ערב "אוצרות חיים" ללימוד תורת האר"י הק', וחיבר ספרים רבים בתורת החסידות והקבלה, וביניהם פירוש הנפלא והנפוץ "מתוק מדבש" על הזוהר הקדוש, ומורינו שליט"א היה בידידות רב עם רבי דניאל, בהיותם רמי"ם בישבת 'שער השמים', והרבה דברי קבלה אומר משמו, וכן עד היום הזה משתמש מורינו שליט"א הרבה עם ספריו, נפטר בי"ד שבט שנת תשס"ה לפ"ק, ומנוחתו כבוד בהר הזיתים בירושלים עיה"ק תובב"א.

**מו.** והרי לפניך מה שכתוב בספרו הקדוש "**שערי היחוד והאמונה**" בפתח ומבוא שערים: "**שמעתי ממורי ורבי** (רבי שניאור זלמן מליאדי) נ"ע **שקיבל מרבו** (המגיד ממעזריטש) **ורבו מרבו** (מרן הבעש"ט), שבדורות האלו שהם בחינת עקביים הם משונים מדורות הראשונים, כי **בדורות הראשונים היה כל אחד מכיר בחינתו בעבודתו**, כי היה בחינת חילוק והבדל גמור נגלה בבחינתם מצד שורש נשמותיהם, אשר נשמות שהם מבחינת בריאה היו מובדלים הבדל גמור מנשמות הנמשכים מבחינת יצירה, ונשמות שהיו מבחינת בריאה הם היו רבנן ותלמידיהם, ונשמות שהיו

- ר' אהרן סטראשעלער. פערציג יאר האט ער זיך געווייקט ביים רַב. און ער האט עס מקבל געווען פונעם רַב, און דער רַב האט עס מקבל געווען פון דעם מעזריטשער מגיד, און דער מעזריטשער מגיד האט עס מקבל געווען פונעם בעל שם - אזוי ברענגט ער אראפ. מן הסתם שטעלט ער (ר' דניאל פריש) צו אַ וואו עס שטייט דארטן אין איינער פון זיינע ספרים (מהסטראשעלער) אין עפעס אן הקדמה.

- זאגט ער, אמאל איז געווען, אז א מענטש האט געהאט א נשמה פון א גדול בישראל, איז אין א געוויסן שטח, אז ער איז אראפ אויף דער וועלט - אוודאי בחירה איז דא – אבער ער האט געשפירט וואספארא גאנג אין לערנען דארף ער האבן, וואספארא גאנג אין עבודת ה', ווי ער דארף דאווענען, ווי ער דארף לערנען - דאס הארץ האט אים געזאגט וואס (ער האט צו טאן), און ער איז אפגעגאנגען די גאנצע יארן אויף איין קַו. יעדער איינער איז צוגעקומען צו וואס ער איז אנגעקומען - יעדער איינער - מער תורה, מער תפילה, מער צדקה, מער צו – - יעדער איינער איז צוגעקומען - אזעלכע מענטשן איז געווען.

- און אז ער איז געווען א נשמה פון א סוחר, וואס ער דארף האנדלען - האנדלען באמונה - אוודאי דארטן איז אויך געווען די בחירה - ער זאל אויסהאלטן תורה, צוהעלפן תורה, צוהעלפן ישיבות, תלמוד תורות - דאס איז דאך זיין זאך. האט ער געשפירט אז דאס איז זיין זאך, זיין זאך איז נישט גיין אין יענעמ'ס עבודה, נאר זיין זאך איז, 'דינען דעם אויבערשטן מתוך (עבודתו המסויימת לו').

---

מבחינת היצירה היו עוסקים במשא ומתן והם היו תמכין דאורייתא, ונשמות הבאים מעשיה היו עמי הארץ גמורים. **אבל בדורות האלו באים הנשמות מעורבים** בבחינותיהם, אשר כבכל בחינות נשמות יכול להיות כל בחינות האלו בערבוביא, ולכן עבודתם גם כן הוא שלא בבחינת סדר, פעם יכול להתבונן ביחודו ופעם אינו יכול וכו', **אלא על כרחך מוכרח האדם לבחון בנפשו בכל האופנים, ואם לא תגיע אליו הבחינה הזאת יעבוד עבודתו באופן השני"**, עכל"ק.

- און אז עס זענען געווען נשמות פון עמי הארצים גמורים, האבן זיי געהאט די בחירה; אדער זענען זיי געווארן די גרעסטע רשעים אין דער וועלט; אדער האט ער געוואוסט אז ער דארף משמש זיין תלמידי חכמים און ער דארף טוהן וואס ער קען. און (טאמער) ווייסט ער נישט קיין הלכה, פרעגט ער און ער טראכט נישט אריין קיין סאך, ער טוט, דאס איז זיין זאך; אבער (היה ידוע לו) אז די נשמה איז פון אן עם הארץ גמור, ער איז נישט מסוגל קיין איין זאך צו פארשטיין, אזוי דארף זיין, ער דארף טוהן וואס ער קען, אזוי איז געווען אמאל.

היינט קען מען אבער האבן (בפעם אחת) א נשמה פון א גדול בישראל און א נשמה פון אן עם הארץ גמור - אזא סארט נשמה וואס אלע טאג פאלט איין אנדערש וואס מען טוט; היינט פאלט איין אזא מין גאנג, מארגן פאלט איין אזא גאנג - עס האלט אים אין איין איינפאלן. (ומבאר שם:) ווייל מיר (- אונזערע נשמות) זענען מלוקט, אויב צעשפילט זיך די נשמה פון אַן עם הארץ, וויל מען ווערן אן עם הארץ, מען וויל ווערן א קל שבקלים, (און מיטאמאל) שפירט זיך די נשמה (ווי זי) וויל ווערן א גדול בישראל - און ס'איז ריכטיג, אלעס איז דא אין אונז. דאס איז א פלא'דיגע זאך!

זאגט ער, **דערפאר זענען מיר נישט קיין בעלי סדר, און מען קען נישט זיין קיין בעלי סדר - און מען דארף זיך גארנישט איבערשרעקן! מען דארף האלטן אין איין אנהויבן** ביז דער אויבערשטער העלפט אז מען כאפט זיך אליין - **שרעק זיך גארנישט!** היינט לערנט מען זבחים, מארגן לערנט מען מנחות, מען מוז טאן, טוה! טוה! טוה! לערן און לערן ביז עס וועט זיך איינגעבן א 'שביל'. עס איז גוט דאס צו וויסן - ווייל מען פארלירט זיך דאך, ווער ווייסט?! ווער ווייסט?!... [מז]

---

מז. וחפץ ה' שנתקרב אליו בכל מצב, הן ב'טיבו' הן ב'עקו', וז"ל מורינו שליט"א בספר כדת נפש משיבת (מאמר ואני תמיד עמך): ידוע שכ"ח העתים המוזכרים בספר קהלת (פרק ג') עוברים על כל אחד ואחד, ויש בהם י"ד עיתים לטב וי"ד עתים למוטב, **ועיקר שליחותו של האדם בעולם הזה**, הוא למצוא את השם יתברך, בכל

**אכט סארטן סוכות...**

אמאל זאגט מיר א איד - ער האט אין די אונגארישע הייזער א שכן זיינער, און ער זאגט אים, "שוין פערציג יאר די זעלבע פארוואנעס (ברעטער) מיט די זעלבע ליילעכער מיט די זעלבע בלומען - אלע, אפילו דעם טשוואק" - ער ווייסט שוין אז 'דעם' טשוואק לייגט ער אריין אין 'דעם' קורה, און 'דעם' טשוואק אין 'דעם' קורה - אלעמאל; און 'ער' (- המספר) איז אכט יאר נאך די חתונה, געהאט אכט סוכות, און איינמאל האט מען אים בא'גנב'עט, און איינמאל האט ער געהאט א (סוכה אויפן) באלקאן, און איינמאל איז ער אריבער צו אן אנדערע דירה - אכט סוכות האט ער געהאט און אלע יארן א נייע סוכה... דאס איז דאס, דאס איז דאס. זיי פרייליך - מאך א סוכה, **דין דעם אויבערשטן! קוק נישט, שרעק זיך נישט פאר יענעם, ווער נישט צובראכן, ווער נישט צובראכן, ניין!** [מח]

מען דארף וויסן טאקע, די צדיקים וואס דער אויבערשטער האט אראפגעשיקט די לעצטע צוויי הונדערט יאר, איז 'למעננו', ממש 'למעננו' - יא, פאר אונזערע נשמות, מען דארף נאר האבן אמונה,

---

אחד מן העתים הללו, בין בטיבו ובין בעקו, כדי שיהיו העתים כולם שוים לטובה, וכמו שמפרש רש"י על הפסוק (ישעי' ל"ג ו') "והיה אמונת עתך חוסן ישועות", בזה"ל: "**את שהאמנת בהקדוש ברוך הוא בעתים שעברו עליך וצפית לישועה תהיה לך לחוסן** [ישועות חכמה ודעת]" כי על ידי שהאדם מחזיק בהשם יתברך בכל העתים שעוברים עליו, אזי העתים עצמם עומדים לו לחוסן ישועות, כלומר על ידם צומחת ישועתו.

**מח.** עי' בספה"ק ליקוטי הלכות פקדון ה"ד, אות י': "גם מי שאין עבודתו בשלימות, ואפילו אם נדמה לו שעדיין הוא רחוק לגמרי, ואפילו אם הוא באמת כך, אף על פי כן צריך להמתין ולצפות לישועתו ולהחיות את עצמו בתוך כך בכל מה שיוכל; **פעם בתורה, פעם בתפילה, פעם בהתבודדות ושיחה בינו לבין קונו, פעם בשיחה עם חבירו או רבו, פעם בעשיית איזה מצוה וגמילות חסד, פעם ברצון וכסופין והשתוקקות שזה העיקר**, כמבואר בדבריו זכרונו לברכה שעיקר הוא הרצון וכו', ובתוך כך לומדין כאילו לומדין, ומתפללין כאילו וכו', עיי"ש". עכל"ק.

און גלייבן, גלייבן, זיך שטארקן, זיך נישט פארלירן, זיך נישט איבערשרעקן! [מט]

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מען זאל מקבל זיין דעם יום טוב, דעם 'פני היום כפני אלקים', מיט א גרויסע שמחה, מיט א חיות, מיט אמונה פשוטה, מיט מצוות ומעשים טובים, מיט חסד, מיט מידות טובות; און ס'זאל קומען א גוטע יאר, און א געבענטשטע יאר 'לנו ולכל ישראל'!

**מט.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק א' מכתב ע"ב) וז"ל: וכל הספרים הקדושים מצויים ברוך השם כהיום, וכן ספרי רבינו הקדוש וספרי מוהרנ"ת והתפילות שלו מצויים ופתוחים לפנינו, **ואין אנו צריכים אלא להכין פה ללמוד את הספרים הקדושים הנצרכים לכל איש ישראל הרוצה להיות יהודי כשר ולקיים את התורה וכו'.**

# מודעה ובקשה

היות שעלו בידינו כמה שאלות ותשובות דרשות ושיעורים ממורינו שליט"א המיוחדים לבחורי חמד - העומדים בשדה הקרב על חייהם, לומר לחלש גיבור אני, בכל עניני וסניפי היהדות, ולגלות להם תכסיסי מלחמה האיך להיות איש כשר באמת, שמחים אנו להודיע בשער בת רבים דבנוסף לקונטרס החדשי, יופיע בסייעתא דשמיא - לרגל ימי בין הזמנים – קונטרס מיוחד **"שו"ת דורשי יחודך"** – שו"ת שנשאל למורינו שליט"א בעניני יהדות, ובפרט בשאלות השכיחות לבחורי חמד, וכפי עדותם של המחנכים יהיה בזה רב התועלת בס"ד.

ומכאן הקריאה יוצאת! היות שההוצאות עלו למעלה מראש בלאו הכי, על כן נא ונא בכל לשון של בקשה, מי שיש ביכולת לרכוש אחד מהזכותים או לסייע באיסוף כסף למצוה נדירה כזו, יודיע לנו במקודם האפשרי כדי שיהא אפשר לסדר הכל על צד היותר טוב, ובזכות זה שמזכים לאלפי בחורים הצמאים את דבר ה' בדברי אלקים חיים ומתוקים, יזכו לברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת.

## הזכותים הנצחיים

**2000 קונטרסים = $900**

**1000 קונטרסים = $500**

**500 קוטרסים = $250**

**להמעוננים לרכוש להם זכות אדיר כזו בהצלת נשמות ממש**
**יש להשאיר מודעה ב'קול דורשי יחודך' נאמור 9**

# ברכת מזל טוב

לכבוד ידידנו הנכבד, רודף צדקה וחסד ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, אוהב תורה ולומדיה

ה"ה

מוה"ר **משה אברהם ווידער** הי"ו

**שנדב סכום הגון**

לרגל **שמחת נישואי בנו** ני"ו בשעטו"מ

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות דורות ישרים ומבורכים, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, בבריות גופא ונהורא מעליא, ולראות רק תענוג ונחת דקדושה כל הימים

~ ~ ~

וגם להאברך החשוב, איש ישר וטוב לב, נועם הליכות איש תבונות

ה"ה

מוה"ר **יואל דאנא** הי"ו

לרגל הכנסת **בנו לבריתו של אברהם אבינו** למז"ט בשעטו"מ

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שירוו רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו, בבריות גופא ונהורא מעליא, וכטו"ס

# מפרסמין עושה מצוה

הני נדיבים בעם, שמרוב טוב לבם, נטלו חלק בהוצאות המרובים

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** ני"ו

מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** ני"ו

ויה"ר שבזכות זה יזכו לרב טוב הצפון,
ורב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# יאמץ לבך

מען דארף וויסן אז יעדע קליינינקייט - יעדע קליינינקייט - יעדער כפיית היצר, איז געוואלדיג חשוב ביי השם יתברך! **ווען מען ווייסט - וואלט מען פון א גוטע פארמאך די אויג ווען מען דארף! אדער ביישטיין א נסיון; וואלט מען געטאנצט! מען וואלט געפלויגן אין די לופטן ממש!! מרוב שמחה וואס מען טוט א נחת רוח פארן אויבערשטען!** און מען איז מגלה דעם אויבערשטען אין אלע עולמות!!

(מתוך שיחת הכנה לפסח שנת תשס"ח לפ"ק)